STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08874

LIKHT FAR DI LODNS

Jacob Stodolsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב סטאָדאָלסקי

ליכט פאַר די לאָדנס

בידערמאַן־פארלאַג
ניו יאָרק, 1938

Copyright, 1938,

By

JACOB STODOLSKY

New York, N. Y.

490

אסטאריא פרעס, 61 א. 4טע גאס, ניו יארק

האַרץ און קאָפּ

גערדאַנק איז נאָר דעמלט גרויס,
ווען ער טראָגט אין זיין שויס:
זאָמען, בליאונג און זעל!
און וואַקסט, אין ליבע
פון אַ מענטשלעך האַרץ אַרויס.

פון דורכאויס קאָפּ —
קאָן ער נאָך פון זיין אַראָפּ;
און ווערן מאַניע —
און פירט, גערירט,
צו משוגעת — פאַרברעך — מאָרד.

און וואָן — פאַרברעך — טיראַן,
(אָפט אין איינפּערזאָן)
קאָנען געפינען דרייסט
אין גערדאַנק׳ס מאַנאַ טאָן.

גערדאַנק איז נאָר דעמלט גרויס,
ווען ער געפינט זיין אָרט: —
אין שפּיל, אין געפיל
און שטראַלט, ווי אַ נביא׳יש וואָרט
פון אַן ערלעך האַרץ אַרויס.

פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאָד

לויב! לויב! לויב!
פיל מאָל לויב צו דיר,
האָנאָרירטער אַמבאַסאַדאָר,
פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאָד.

מיין זעל האָט זיך איצט
צו העכערע גייסטיגע ספערן פאַרנומען,
און פון יענע הייכן קאָן מען הערן —
אַ כאָר פון די נאָבלסטע הערצער קומען:
„צו אונזערע אַמעריקאַנער ברעגן
אויף אונזערע פרייע וועגן:
ווילקאָמען! ווילקאָמען! ווילקאָמען!

ווי דורך צעעפנטע פּאָרטאַלן,
דרינגט אין מיין האַרץ אַ געטלעך געזאַנג;
מיין געדאַנק געפינט פאַר דעם זעל, ווערטער:
ריטם, טאַקט, טאָן, קאָליר — קלאַנג;
און זע — אַ שטראַליגער געהעפט,
אַ ספּעקטראַלער געהעפט — אַ הימנע!
צו אילוסטרירן דיין חשוב'ן נאָמען!

פון קאַלטע פינצטערע רוימען,
פון יענעם פאַרוויסטן לאַנד,
וואו הענקער, אויסוואָרף, און שקר
גייען האַנט און האַנט;

און ניטשע'ס טראַגישער „איבערמענטש",
האָט אַראָפּגענידערט צו אַ גערינג־ראַנג;
און קאַנט'ס „ריינער פאַרנונפט"
צו אַ שטרייכערס צעפאַלגעשטאַנג.

פון יענער מיזערנער וועלט,
וואו קונסט, אידעאַל, רעליגיע, מענטש
איז הפקר; און יעדער מאַלפאַקטאָר איז געבענטשט,
געאַכט פון דער נאַכטיגער שדים־מאַכט;
און וואו צו געטע־שילער־לעסינג־טראַדיציעס,
האָט מען דעם „הויז פאַרבערס״
פאַרברעכער־בוך „מיין קאַמף״ אַוועקגעשטעלט.

פון קולטור פאַרשוועכטע רוימען,
וואו געדאַנק, פרייער ווילן,
ליגן אין וואַן־יאַק צוימען;
און מעפיסטאָס וויסטלינגען
פראַוון אַ טויטן מעסע דער פרייהייט —
איבער די לייכן פון קריסט און איד —
אויף האָרסט־וועסל־ליד, טייבל־שפּיל,
און שטרייכערס חיה׳שער געבריל.

פון יענעם פאַרקנעכטן רייך,
וואו די מראה פון דער זון בלייכט,
און נאַכט־הענט פון פאַרשווערער,
האָבן אַ האַק אויפגעהויבן
קעגן דעם מענטשלעכן מין!
און וויסטע האָט צעעפנט — איר גרויל —
אַ קייכיג לאַווע מויל, —
פול מיט פאַראויסזאַגנדיגן מענטשלעכן רואין.

אַ, נאָבל האַרץ!
אַ, אַמעריקאַ׳ס געטרייערסטער זון!
זין פון אירע בעסטע טראַדיציעס!
פון דעם פאַרשוועכטן לאַנד —
נאָך מער בראַוו אין גייסט,
און געשטאַרקט אין האַנט — קומסטו, —
און האָסט טריי געדינט
די מענטשלעכע ווערט און מיסיעס!

שטאָלץ, ווי אונזער ביבלישער פאָטער יעקב,
קאָנסטו עפנטלעך פון האָרץ אַרויסזינגען:
„עם לבן גרתי ותרי״ג מצות שמרתי״:
מיט היטלער הינט געוואוינט
און די מענטשלעכע ווערט געשוינט״!

געקרוינט, און אין דעם זעלבן שפּאַניגן טראָט,
האָנאָרירטער אַמבאַסאַדאָר
פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאָד!
מיט די בעסטע גייסטער
פון אונזער בלוטיגע צייט אין געשפּאַן,
אין דער מיט פון איינשטיינ׳ען און טאָמאַס מאַן:
מענטש ביסטו געווען, ביסט,
און דו וועסט לדורות זיין:
„אהיה אשר אהיה״!

האָנאָרירטער אַמבאַסאַדאָר,
פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאָד: —
ווי אַ קינד פון דער אידישער ראַסע,
טראָג איך מיט כבוד דיר די הימנע צו;
דעם זעלבן שבח,
האָט מיין פאָלק אַמאָל,
אין איר רעליגיעזן עקסטאַז
צוגעשריבן צו איר גאָט פון ישראל:
„אהיה אשר אהיה״!

אָ׳ אַמעריקע! — גאָלדזוניגע פייע!
ווי גליקלעך און געבענטשט איז די זריעה
אין דיין וואונדערלעכע טראַכט,
וואָס גיט געבורט צו אַזעלכע זין!

די קרוינונג

ערדיש: אויף פאַליר, מאַזאַאיק, פעלדזשטיין,
שאַרפשטיין, טעמפשטיין, פאַלקשטיין און אומאויסשטיין,
קלאַקט, פערדיש, סקעלעטפיסיק, ביין אויף ביין,
דער לעצטער טאַנץ מאַקאַבערדיג געווײן — — —

* * *

דער צוגאַנג — ווי הימליש! ווי פּרעכטיק! —
פון אינער־הויז שלאָגט שוין, ברעכט פאַרדעכטיג
דאָס אינגעווייד אין אויפגעררייצטע פלאַמען: —
די זון גייט איצט דעקאָראַטיוו אויף — ווענעריש,
פול מיט סיפיליטישע פליאַמען.

ווער ביסטו? מענטש? קעניג? רבי?
פון דעם קלענסטן לייזיגסטן אור־טייכעלע,
קומסטו, ביאַ־כעמיש אָן אָן אַמעבע!

וואָס פאַר אַ מיאוס מויל דיין האַרץ האָט עס ברייט צעעפנט? —
עס שפּרייט זיך פון האָס אַ פאָן — — —
אין אָן אַנאויגיקער הייל, יחסן, געווען איז דיין אויבנאָן,
ביז צום טיפסטן שאול, זינקט האַריג אַראָפּ דיין טראָן.

אומזין, זע נאָר — אויף בייזוואונדער
איז זיך דעמאָס און דעמאַגאָג צונויפגעלאָפן
און צוויי ליבע קינדער, לאַכן, לאַכן, לאַכן —
וויל אָן אַלטער ליץ אַ שימפּאַנזע גאָר
פאַר אַ קעניג מאַכן?

ווי שיין ער איז עס אויסגעפוצט — אָרימער געזעל!
ווען ווילסטו אַזוי אַדלער־יאָנג, פּרווידיאַניש געפעלן?
ווי גאַלאַנט! געשטרייפט אין גאָלד איז ס׳לייבל,
רויט־בלויע הייזלעך אויף אַלע פיר אַרויפגעצויגן,
ברילִיאַנט מיראַזש — — — — —
פלינדערט אפילו סובטילסטע אויגן.

איך שטיי. שטוין.
ניט מיין האַנט אין „טשעסט" איז צו אים געצויגן,
און ניט אונטער מיין פיבערדיג געוואַנט,
בליען פחדנות׳דיג אויף אונטערהויטיגע,
הויכגענאָדיגע, עמאָציאָנעלע רויגן...

נאָר צומאָל, אינדערשטיל, וועקט זיך,
וויקלט זיך פאַנאַנדער — אַ גאָלד־בליענדיגער צאָרן —
וואָס? פון דער מאַלפע איז אַ מענטש געוואָרן?

קעניג, ווי נאַקעט האָט אַ קינדס אָפנהאַרציג אויג,
דיך אַזוי נעבעכדיג אויסגעטאָן!
יעדער בר דעת ווייסט שוין,
אַז אַ הונט איז אין ערליכע קליידער אָנגעטאָן —
אָרימער סטעראָטיפּישער יאָלד!

באַלד — און עס רעגנט שוין ניט מער קיין גאָלד :
איך הער צייטס האָגלדיגע ווערטער
פון לעצטן יום הדין: —
ריין, ריין, בלינד וואַסערל,
רייס אויף
לעצטע וואונדיג־וואַנקענדיגע היילן,
מיט דיין זוניג זעגאַלע
וואַרף איין,
שטיינס שטאַרקסטע זיילן — — —

אַ בעטהאָווען סאָנאַטע

לבנה־פינגער — שפּילן אַ בעטהאָווען סאָנאַטע —
ווי וואַכיק באַוועגט זיך דיין מוזיקאַלישער געדאַנק אין מיר
אין פולן איינקלאַנג מיט מיין ברויזנדיגן ווילן —
אַ, תליון־פינגער, וואָס שפּילן
בעטהאָווענ׳ס האַרץ אויף שליסלען מאַטע — — —

— עפן אויף פון דיין לייכטורעם — די טיר,
— שפוך חמתך! אויף דער דרויסנזייט,
הענגט דער „מילך וועג״ — אַ סוואַסטיקע,
און די לבנה — אַ הענקער־האַק אויף איר: —
צו וועלכן קאָנטינענט זאָל איצט אונזער גייסט זעגלען?!

מאַרקס איז אַן אונזעריגער!
אין לאַנד פון קאַנטן און פּראָפעסאָר העגלען,
מייסטער, האָט דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבן איינגעדאַרט?
אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — דייטשלאַנד —
ווי פילן זיך די גייסטער: —
שוּבערט, שומאַן און מאָצאַרט?

שוואַרץ איז די נאַכטיגע וויסטע,
אויטאָמאַטישע פייער־אויגן
צעשניידן איר
אויף מאַרג׳ס צעפּאַלמעסטע שטיקער;
דער מלחמה־גאָט —
ליגט אויף איר זונה־טראַכט — שיכור!

דורך מיין וויסט פענצטער,
איז די נאַכט — אַ שוואַרצע פאַן.
איר געלער עמבלעם —
אַן איינגעדאַרטער קאָפּ,
און צוויי קנאָכן — אין אַ קרייץ,
פון אַ צעטרענצלטן יעזוס־סקעלעט;
אויף גאַלגאָטע־דערנער
וואַכן גייסטער אין אַ מאַרטער־בעט: —

„גרויסער מיינסטער!
ניט דיין ניינטער סימפאָניע־פרייד
זינגט איצט די בלוטנדיגע מענטשהייט.

אַ וואַריאַציע אויף אַ טעמע

אָ, מענטש —
אָ, האַרץ פון קיזלשטיין,
ווען די נאַכט פאַלט צו
הויערט אַ שאַקאַל אויף דעם.
נאָך אין דיין טונקלסטן באַגין,
ביסטו — אַ חיה געשטאַנען —
גרייט פאַר דיין רויב!
העל טאָג — דיין געשיכטע,
איז גאָרניט פאַר דיין לויב געשריבן!
אונטער די גלאַנציג־גאָלדענע־שופּן
פון דער ציוויליזאַציע
ביסטו נאָך געננוג חיה פאַרבליבן;
און ווען עס הייבט אָן אויפצובליצן,
די נאַכט פון דער לוסט אין דיין קאָפּ,
ציסטו אַ האָריגע לאַפּע איבער דער זון;
און רופסט אין מיטן העלן טאָג
אַרויס אַ זונפאַרגאַנג!
דיין מאָנסטער־האַרץ
צעעפנט אַ פינצטערן תהום
פאַר דעם מענטשלעכן אונטערגאַנג.

דיאָגענעס־לאַמטערנע

אָ, וועלט! — אָ, מענטש היינטוועלטיגער!
מיט דיינע אונטערטאָנען און געוועלטיגער!
מיט דיינע גרויל־וויסטע שפּרייטנדיגע טאָטן;
מיט דיינע רואינערנדיגע משא־מתנ׳ס;
מיט דיינע טעמפּלען, קלויסטערס, קאַטעדראַלן;
מיט דיינע רביים, רעווערענטן, פּרעלאַטן;
מיט דיינע הונגערליידנדיגע;
מיט דיינע איבערזאַטע פּראַלן.

מיט דיינע אילוסטרירטע רעליגיעס,
מיט דיינע פאַראידעאַליזירטע גלויבנס;
מיט דיינע פעלשער— פאַרמאַסקירט אין הייליגע;
מיט דיינע־אמת׳ע צדיקים — פאַרבייוויליגע
און דאָס שלעכטס, וואָס איז מיט אונז אויף אייביג.

מיט דיין דרויסנלעכן פּראָגרעס,
מיט דיין אינערלעכן צעפאַל־פּראָצעס,
מיט דיינע רע — קאָנטראַ — רעוואָלוציעס;
מיט דיין, ווי דער שטויב — אָנגעזאַמלטן רעפערענץ;
מיט דיינע הענקער־העק, תליה־סלופּ;
מיט דיין אַזוי הויך באַרימערישן פּרעפערענץ —
אָט, מיט דעם גאַרגאָן־קנופּ,
איז וויט, ווייט ניט געזיכערט דיין עקזיסטענץ!

דיין ווידערשטאַנד — אָ, מענטש,
אויסערלעכער ווי אינערלעכער,
איז איינגעשטעלט!

פון אַלע סומנע הייל־וועגן,
פון דיין אונטערוועלט זעל —
שפּאַנט אַרויס די חיה — דיין וואונטש!
אירע פאַרשווערערישע אויגן:
שפּראַצן, פינקלען, — צעבלאָזן
צעפלאַמען — די אינפערנאָ!

ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק,
אַזוי אויך היינט — מיר שיינט,
קאָן איך — אין העל אויפן טאָג —
אויפלויכטן — איבער אונזער אומדערמידלעכן פלאָג —
די דיאָגענעס־לאַמטערנע,
צו זוכן אַ מענטש!
אַ מענטשנפריינט,
אַביסל עלנד מענטשלעך גליק.

עטל׳ס אימענינעס

סימפאָנישער ראָמאַנס

I

מיט דעם עקסטאַז פון אַן אומבאַרירבאַרן פּרוכפער,
דורך אילוזאָרישע טויערן פון פאַרנאַכטיגן בלענד,
איז דיין צאַרטער און אָוונטיגער געבורט, —
מיט דער אומדערוואַרטער פרייד,
מיין פאַרשלאָסן וועזן אַדורכגעגאַנגען,
און געהיימנישן פון מיין זעל אַנטפּלעקט.

ווי דיך, האָט די לייד מיין גייסט געוועקט,
אויך ווי דו, האָב איך פון אַ געדאַכטן כוס,
ביז צו דער סמ׳יגער שיכרות
געטרונקען דעם וויין פון דער קאָנוואולסירנדיגער פּיין:

אַזאַ גלוסטיג געבורט,
און אַזוי וואונדערלעך ריין!

איך האָב דיך ליב, מיין טייערע,
ווי דעם צויבער פון אַ וואָרט,
וואָס צעעפנט נייע וויסטאַס —
פאַר דעלוזירטע אויגן —
ביים פאַרלענדיגן ראַנד פון אַ לעצטן צווייפל: —

ווי הערלעך, ווי טראַגיש,
וואַקסטו אין מיין דמיון אויס,
ווען איך כפל דיך
מיט ליבע שאָטנס פון פאַרגאַנגענע געשטאַלטן!

פראַנסואַ ווילאָן, ברודער פון זעלבן מין —
וואוהין — און וואו איז חיה, דינה, שרה,
און די בלענדיגע מיפן פון נעכטיגע יאָרן?

איך האָב דיך פיינט, מיין ליבע,
ווי דאָס טריבע וואָרט,
וואָס האָט ווי אַ קרעציג געוואוקס,
צעבליט דאָס מינדסטע אָרט
פון מיין אינטימער זעל;

און ווי אַ פאַרשעמט פעלד: טרויעריג, גרעל —
אונטער גרימיגע פיילן פון אַ גלייכגילטיגער זון —
מיך ליגנגעלאָזט — אַ פולוואַכיגן,
פאַר וואַנדאַלע אויגן פון אַן אַנטאַרטער וועלט: —

ווער האָט דעם קריידיג
פאַרגלייזטן בלאָזן
פאַר מיין אָפּנבאַרער שוועל,
ווי אַ פאַרשאָלטענע טיר אָוועקגעשטעלט?

איך האָב דיך ליב, מיין לאַיאַלע,
ווי דער געוואַגטקייט פון מיין טאַטאַלן אויסדויער,
און דראַסטישן זין פון מיין שעפעריש וואָרט,
וואָס ווייסט פון אַ שפּינאָזע דערגרידערונג,
ווי אויך דעם טיטאַנישן דרייסט
פון זיין געטלעכער דערהויבנקייט!
— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —זאַלבער צווייט!
פון אַ פּילגעפּרוואווטן און געלייטערטן פעלז,
נידערן מיר — באַרג אַראָפּ:
קני געבויגן — אַזוי אויך דער קאָפּ.

די פאַרנאַנדיגע שטראָמען — ראַדיאָירן,
מיט האַסטיגע־לבנה־נאַכט־קאָלירן:
שוימען, בלענדן — פאַרלירן זיך איניג,
ביי די שטרויכלדיגע, פאַטאַלע פיס
פון דעם שטייניג־שטאַרנדיגן גאָט!

דער איינגעמידטער לויף פון מיינע יאָרן
געפינט רו אויף דעם זוניגן גרין
פון דיינע אירנדיגע טריט,
און זוכט דיין גליקזעליגקייט,
אין באַרוטע גאמען פון אַ מילדער ליד.

גרינג איז דאָ —
גוט איז דאָ
מיט דיר צו פאַרברענגען,
ווען דער בוים פון דער עלטער —
פריילינגט יונג.

אַזוי! — צו ערן דיין געבורט, מיין ליבע,
האָב איך אַלע מיינע גייסטיגע לעפצן אַנגערגורט;
זיי ביז צו דעם העכסט אָקטאַוו
פאַראינטריגירט —
מיין שטימע — איז בראַוו,
מער ווי פריער קולטורווירט.

איך מוזיציר — מיט טאָן, ריטם מעלאָדיע, קאָליר
וואריערער איך — שטעל צוזאַמען — דער סכעמע
גאָט און מייסטער ווען שפעטער שפילן אויף דער טעמע.

אַזוי! — מיט אַזאַ שטים, סטיל און שפיל,
זינגט „יאַנקל דער פאַרבער", געבוירן אין פאַריסאַוו,
גיט דער באַרימטער „ביידלמאַכער" פון נעשאַפּור.

אַזוי זינגט ער ביי דעם אַמעריקאַנער צאינה־וראינה־פאָלק,
וואָס האָט זיך אין איר אייגן־געשטאַלט געמאַכט זיך אַ גאָט.

און צום שפּאָט,
פאַר אַ וועכטער, אַ קליין קאַרליקל,
ביי דער טיר פון דער אידישער ליטעראַטור אַוועקגעשטעלט!

גאָט !
וואָס פאַר אַ וואונדער
און לומפּן וועלט :
ניט אויף פליגל,
ניט אויף דעם צויבער־דיוואַן —
נאָר אויף גלופּסקער פּאַלעס,
דריי אין געשפּאַן
טראָגן זיך :
איקס, מיקס, דריקס,
און פאַרמייזן
דער גאַנצער גאַס
מיט די פאַרדריפּעטע
לידער לייוויקס.

אַזוי זינגט ער — ביז צו דער פּאַליגער אויפגעלעבטקייט —
סימפּאָניש — „יאַנקל דער פאַרבער, געבוירן אין פּאַריסאָוו,
ניט דער באַרימטער „ביידלמאַכער" פון נעשאַפּור :

אַ בוך אידישע לידער,
אונטער אַ שאָטנלאָזן בוים,
און דו, מיין טרוים,
ביי מיין זייט —
זינגנדיג אין אַזאַ ספער,
זינגנדיג אויס דער דער,
זינגנדיג אין אַ נאַרן־כאָר —
אַ בהימה־לאָר !

ס'איז שפּעט, מיין ליבער, —
פאַרמאַך די טיר און לאָז אַראָפּ דעם שטאָר,
שטעל אַוועק אַ שטול, ביי מיין זייט : —

וועט ווען פון דער וויסטע
ווערן אַ בלומען־בייט ? !

ס׳איז שפעט, פֿאַרמאַך די טיר, מיין ליבער, —
לאָמיר ניט הערן דאָס טריבע
טריפֿן פֿון לייט און צייט.

ס׳איז שפעט, פֿאַרמאַך די טיר, מיין ליבע, —
די נאַכט, ווי איך מאַרטירט, מיין טייערע, —
די נאַכט פֿיבערט אין שלאַנגיגנגסטן געוויטער,
אויף צוויי שטולן זיצט מיין קאַלעגע, אין הוילן ציטער.

ס׳איז שפעט — ס׳איז ווינטערדיג, מיין שאַנס! —
אַזוי וועל איך פֿאַרענדיגן אונזער פֿאַרהונגערטן יום־טוב,
זינגנדיג דיר דעם רומפּולן ראָמאַנס: —

ס׳איז שפעט — ס׳איז ווינטערדיג:
גלעקלעך קלינגען — אין זיכרון שליטלט זיך אַ שליטן:
אַ אינגל — אַ מיידל — דריי פֿערד:
צוויי לייבן — איןביידע זייטן —
איינער — דער געוואַלט אין מיטן.

דער שליאַך אין בלוי־ווייסן־בלאַנק,
דיין פּנים — שעמעוודיג רויט — אַ געטלעך געשאַנק!
צוויי בריליאַנטענע, וואַרעמע שטערן,
האָב איך געפֿונען אין לבנה׳דיגן שליטן.

דער טראַקט — זילבערט, גרינט,
ער וואַקסט שטראַליג און מערט זיך און מערט,
ווי פֿון אַ וואונדער־חלום, הויכן ווייסעביימער
פֿון דער נאַכטיג בלוי לאַזורנע נעפּל אַרויס —
געקרוינטע בירגער אויף אַ באַנייטער ערד.

דער לבנה׳ס שילדערדיגער צויבער,
פֿון דעם אוניוווערז — נאָר איין אַפּשטראַל,
די געגנט אַרום איז שטיל און פּיקטאָראַל;
די נאַטור הערט זיך ביז צו דעם העכסטן שוויגן איין, —
ווי לודוויג וואַן בעטהאָוון אַליין,
וואָלט דיריגירט זיין פּאַסטאָראַל!

ס׳איז גוט מיט דיר, ס׳איז שטיל מיט דיר.
דער יונגער טאָג, ווי מיר,
הייבט אָן צו שפּילן: מיט טוי, מיט שיין!
דער מזרח צעעפנט זיין הימלשן חן:
אויף פוירפּל, מאָוו, בלוי, לאזור און גרין;
און שטראַלט ווי אַ מייסטער ליד,
ווי אַ פאָלק׳ס הייליקסטער ריטואַל;

און אין וואונדער־פאַרבן
זינגט, הערויאיש אַ כאָראַל,
דער פאַר׳כישוף׳טער האָריזאָנט —
אַזאַ מיסטיש־וויזיאָנערער וואַנט צו מאָלן,
וואָלט נאָר אַ גאָט־מאָלער געקאָנט.

גליקלעך, — פאַר׳קנס׳ט צום הימל
ליגט ווירגיניש — אָן אַנטבלויזטע,
די ניט־פאַרקנעכטע ערד;
פון דער נאַכטס מאַרמאָרנע קאַמערן,
גליען — האַמערן — בליציגע קלאַען
פון פילפאַרביגע פאַרטאָגיגע פערד!

דו וואונדערסט?
דו לאַכסט?
אין אַ פאַרטרוילעך
פאַרקלערטן קלער
פאַרקלערט

דו וואונדערסט?
דו לאַכסט?
דער סאַמער תוך
פון ליטעראַטור
דאַרף זיין אויסגעטראַכט!

מיין ליבע,
וואָלט עס דען פּושקין
בעסער געמאַכט?!

דער געקרייציגטער

סימפאָנישע פּאָעמע

II

אין אַ נאַסן קבר שטומט אפילו
די געוואָגסטע פאָן פון רעוואָלט ;
איבער דער אומעכטיגקייט —
לאַכט מדבר'דיג די היענע.

אויף אַ ווייַנעדיגער באַק,
אין געטריף פון אַ הארבסטיג-טריבן ניגון,
ליגט אַ מענטש אין לעצטן וויגן זיך
צווישן טויט און לעבן.

די נאַכט, איז הארצלאָז, שטאר,
די באַנק איז הארט —
נאַר, וואָלט איצט זיין צופעליג געלעגער
פון שטעכיגן שטיין אויסגעבעט געוועזן,
וואָלט זיין שטאַרבנדיגער גוף,
ניט געזען, ניט פאַרשטאַנען, דעם פּרואוו,
וואָס ווייכער פון שטיין,
אַ זאַך קאָן נאָך זיין !

— — — — — — — — — — — — —

האַלב וואָך —
האַלב זיניג
פילט ער ניט קיין שרעק,
נאָר דער נאַכטס שוואַרצע דעק,
האַלט אים אין גרייפיגן ציטער :

וויפיל ליגנס אומפאַרשעמטע גליקן,
האָט ס'בייזע געוויטער,
געשריבן שוואַרץ,
אויף געל פאַר'סמ'טע בלעטער,
וואָס האַלטן ציניש, אויפגעדעקט —
זיינע פאַרשטאַרטע פיס.

ס'איז אים קאַלט —
און נאָר ער ליגט!
און נאָר — ער ליגט!

זיין צעצונדענער בליק,
ווי אין אַ פאַרטריפטער לאַמטערנע,
איז איצט אין קריג
מיט זיינע דראַיגערונגס מאַנענדיגע גייסטער;
נאָר צו איז ער דען, אין לעצטן אויסברען
פון אַ פיינדיגער שעה, —
פון אַ פאַרוואונדערטן אָדלער, אין געפלי איצט דרייסטער?!

זיין פנים —
אַ מענטשלעך באַליידיגט פנים, —
גייט איצט ניט אויף —
אַ געוואָגטע טריבונע
פון דער ערד דערהויבן —
אַ קאַפּעדרע, וואו פאַדערונגען, גלויבן —
טרעטן אויף אין אַ פלאַמיגן פאַרמעסט;
זיין לעבן הויכט, הויכט ביסלעכווייז אויס
אָן יעדן מענטשלעכן פּראָטעסט!

זיין לעבן שרומפּט,
און איז איינגעשרומפּן,
ביז צו די פאַרשוועכסטע טענער
פון צאַנקנדיגע געזאַנגען;
זיין אויסזען איז —
אַ פאַרלעגערנער רייסטער
מיט אַנצאָליג שטאַרבנדיגע פאַרלאַנגען.

ער ליגט — וואָס ווייסט ער
פון דעם לעבנס גרויזאַמער באַטאַליע?

אַלץ פּינקלט, פלאַקערט, ריזלט, ברויזט,
ווי דער סם פון אַ ווילד צעשפּילטן ים —
ער ליגט — ווי די באַגעטעליע
וואָלט אים גאָרניט אָנגעגאַנגען.
— — — — — — — — — — — — —

בלינד זיינען די פענצטער
אויף דעם רייכסטן מאַמאָן־סקווער;
נאָר פון אַ הויכגאָרנדיק געשפּענצטער
לאַכט ווער! —
ס׳וואַקסט, ווי דאָס נאַכט געשווילעכץ,
דאָס געלעכטער — אַלץ גרעסער,
ס׳הירזשעט די זעט — פאַרזיגלט
אויף אַזויפיל רעליגיאָ־פּאָליטישע שלעסער.
— — — — — — — — — — — — —

ער ליגט:
זיין שטאַר־פאַר׳חלש׳טע־האַנט,
זיין קרועי־בלויי׳דיג געוואַנט:
שטייגט, פאַלט —
מיט איטלעכן אויפשטורץ
און זינקענדיגן אָטעם;
זיין לעבן
שלאָגט איצט
אויף די נידערריגסטע נאָטן,
קיין זאַך — אפילו דער טויט
דראָט אים ניט מער.
— — — — — — — — — — — — —

פריער
ווי אַ קאַלירטער פּייער־שרויט
פון אָן אויפגעריסענעם ראַקעט —
צעשפּריצט, צעפּינקלט, מיראַזשיק —
אויף אַ נאַכטיג שוואַרץ־בלוט־וואָלקנדיגן בלאַנקעט!
באַלד — אַ געשטאַלט,
אויף אַ בראָדוויי־נאַכטיג־צעיאַכמעטן אַנאַנס,

אין אַ רעגנדיגן וועטער: —
שיינט — טעאַטראַליש אויף —
אין אַ פּאַראַדנער טיר
פון אַ דערבייאיג טעאַטער: —
פּראָספּעריגע!

קרוין, אויערינג, הערמאַלין —
דעקן אויף איר קערפּערס
יעדן פּאַרשייטן וואונק: —
ווי אַ פּאַרדעכטיג שטיקל צירונג
טראָגט זי זיך אַראָפּ —
דער שווינדלדיגער גאַס.

אירע געפּילנעוועטע גלידער,
גליק־סאַנדאַלן — פּראַלן
גאָלד־מיראַזשן, אינעם בלאַטיגן שפּיגל
פון דעם מוטנע־שיינענדיגן טראָטואַר;
מיט איר געאַרעמט —
גייט מאַמאַן דער האַר!

דאָס וועטער איז מיאוס,
די נאַכט־ווינט,
נאָר זי שיינט!

אַ סוויטע מאַנדאַרינען
האָבן די לוסט
אויף דער מאָרבידער גאַס געפונען;
ווי עראַטישע הינטלעך
האָוון זיי נאָך איר יעדן זלידנעם טריט:

דאָס וועטער איז מיאוס,
די נאַכט ווינט —
נאָר זי שיינט!

— — — — — — — — — — — — — —

מיט פאַרגלייזטע אויגן, —
אַ פּנים אין שטיין, שפּיאַנירט,
זייער יעטוועדן פאַרזונקענעם שפּור!

איך ווייס ניט
צו האָבן זיי געזען
זיין פאַר׳חלוש׳ט האַרץ, אויפגיין —
אַ לבנה׳דיגע שווערד!

— — — — — — — — — — — — — —

ניט אַ בת־קול
פון דעם פאַרשימלטן הימל,
ניט די איינגעדרעמלטע רייד
פון אַ מיסטיקער־נאַר
האָב איך געהערט:—

אַזוי האָט גערעדט דער גייסט פון דער ערד! —
און אַ טריאומפּ׳ס־האָרן — האָט געשאַלט:
„שטייט אויף ווי דער ים׳יגער געוואַלד —
פאַר דער מענטשלעכער ווערט!

דוד עדעלשטאַט

דוד עדעלשטאַט: —
אימער מערנדיג,
אימער ווערדיג
געשטאַלט, וואָס שטראַלט,
פּראַלט און וואַסער פאַלט: —
אַפּשפּאַלט
פון יענעם היסטאָרישן געזיכט,
וואָס איז צעשפּרייט
איבער דעם גאַנצן אויסזען
פון אַ פאָלק — — — — — —

אויף בלודנע וועגן — מיד
זוכט איצט מיין ליד
אַ טאָלק
און ווער איז ווער
אין דער אידישער ליטעראַטור —

געדאַנק פון פרייהייט,
געדאַנק פון ליכט —
קערנער פון זון,
זאָמען פון זין —
אַהין — צו דער העכסטער דערלייטערונג,
אין געדאַנק פון יהי אור,
אין געזאַנג פון באַגין: —

אַ, אורליכט פון מיין ראַסע,
וואָס באַגליקט — באַגלייט
מיין געזאַנג, מיין תפילה
אפילו ביז צו די אומבאַוואוסטע קאַמערן
פון מיין אידיש־היסטאָרישער זעל — — — —

אויף דיין שוועל.
און אין פּנים פון טויט, —
און זע — ווי העל
דיין אינקאַרנירטער גייסט,
גייט אַזוי הערלעך אויף אין מיר.

דוד עדעלשטאַט — לייט־מאָטיוו
און אָרקעסטראַלער ברויז
אין די ראַפּסאָדיעס
פון מיין רעוואָלוציאָנערער יוגנט.
די גאַמען פון מיין ליד — צו דיר
פאַרנעמען זיך איצט
אויף געוואַגטערע מעלאָדיעס,
אַזעלכע, וואָס מיין געדאַנק
האָט אפילו קיינמאָל ניט געאַנט.

זאַלבעגאַנד.
אין אַ צייט,
ווען רויט און טויט
האָבן זיך פאַר׳קנס׳ט
צו אַ גראַם — — — —
און פון שוואַרץ און געל — די עמבלעמען —
פאַרדעכטיגע הייזלעך
וואו עס וואוינט זעלטן ווען אַן ערלעכער מאַן.

רויט־שוואַרץ־געל —
פלינקע קאַריערעלעך
פאַר דעם ליטעראַטור־שאַרלאַטאַן —
הייליגער מאַן!
אונטער וואָס פאַר אַ קאָליר
זאָל איך דיין זעל,
וואָס ווידער־געבורט אין מיר — נעמען?

אין אַ צייט,
ווען דער סינאָנים „שעמען״
איז אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן
פון ווערטערבוך —
אַ גיפטיגער גערוך,
שפרייט זיך,
זעצט,
סמאַליעט
איבער גאַנץ קאַסרילעווקע.

האַנט אין האַנט,
אונטער פאַרנאַכטיג בלוטיג געוואַנט
גיי איך אויף מיט דיר
אויף מעפיסטאָס שוואַרץ־וועגס
שטרויכלנדיגע פלויגען — פול פּרוּאַוויגע,
מיט מיינע קאָנטאַמפּעראַרן
איז אָפּהענטיג געוואָרן מיין גאַנג —
מיין געזאַנג
רופט איצט אַרויס,
גייסטער, — הייליג־פריערדיגע.

דוד עדלשטאַט: —
אין דעם הויז פון מיין האַרץ,
און אין דעם סאַמען האַרץ פון מיין הויז,
האָב איך אַ היכל — אַ פאַר׳כשופ׳טער קלויז
אין דיין נאָמען אויפגעשטעלט.

אין טעג, ווען דער גאַסטישער פליגל
פון מיין שכל — קווילט מיין גלויבן,
זע איך, מיינע תפילות אויף פליגל פון הייליגע טויבן,
רייזן אין ספערישע קרייזן,
צו די העכסטע ספּיראַלן
פון דיין אומצעשטערבאַרדיגן גלויבן.

די קינדער פון דיין טוגנט,
טוען מיט ווערטאַל פייערן
אויפטרעטן אַרום דער שטראַליגקייט
פון דיינע אַלטאַרן.

געפאָרן פון לעבן ווערן מיר נאָנט,
דראָענד איז מיר מער ניט דער טויט.
אונזער נויט — זינגט איצט
דורך מיר
דאָס דאָזיגע ליד
און יונגע מלאכים־קינדער,
אויף הימנישע האָרנס
באַגלייטן מיין געזאַנג אין מיין גאַנג.

שוין לאַנג,
שוין פאַר יאָרן,
ווי אונזער גלייכגילטיקע
מאַמע־ערד
האַלט דיך — אין איר שויסיגן ארון,
אָבער — ווער האָט דיין גייסטיג בילד
געקאַנט אָפּווישן פון די מוזיי־ווענט
פון מיין זכרון?

נייע כאָרן
פון רעטאָריש־דעקלעמאַטאָרישע געזעלן
זיינען אויפגעשטאַנען —
ניט שטראָף מיך פאַר די רייד,
(די אַרבעט פון אַ ווידערשפעניגן —
איז געפאַר און הייליגקייט)
ווי נאָר איך דערהער זייערע אָפּפאַל־רייד,
אַזוי ווערט באַלד באַלעסטיגט מיין געהער
פון אַלטע הויף־נאַרן,
מיט גילגולים פון פאַרגאַנגענע
הויף־קנעכט —
רעכט צו זינגען
חניפה'דיגע הימנען
פאַר ניי־אויפגעקומענע האַרן.

דוד עדעלשטאַט,
ווי דיין נאָמען אַזוי דיין פאָרמאַט —
גייסטיגער אויסשטראַלונג
פון דעם רעבעלירנדיגן פּראָלעטאַריאַט.

זעלבסטפּאָרטרעט

צוגאַנג

אויף מיין אַרבעט־טיש שטייט ווי אַן אָבעליעסק — אַ שטיק ליים — אַ סימבאָל פון מיר... יעדן טאָג, ווען מיינע אויגן עפענען זיך אויף, הייבט זיך אָן מיין מיאוקע אַרבעט. — כ'וויל אַנדערש ניט זיין ווי גאָט! אין דעם טויטן שטיק מאַטעריע אַריינבלאָזן לעבן, אַ נעשאָמע און מאַכן פון דער לאָקאַלער זאַך אַ וועלט־באַגריף.—

איך רייס שטיקער בראַנד פון דער זון,
דעם שטראַליגן ציטער פון דער לבנה,
דעם פאַרדאַכט פון דער פינצטערניש;
פון די בערג — דעם אָטעם פון העכערע ספערן,
דעם טאָן פון די שטאַרקסטע ווינטן,
די דערנידערונג און דעם אויפהייב
און דאָס פאַלן פון דעם מענטשן,

און דאָס אַלץ קנעט איך אַריין אין דעם ליימיקן לייב פון דעם ליים
... יעדן טאָג ווען מיינע אויגן עפענען זיך אויף, הייבט
זיך אָן מיין געצוואונגענע אַרבעט צו מאַכן פון אַ מענטש — אַ מענטשן.

אָנהייב

גאָר אין אָנהייב, נאָך פריער פאַר יעדן פאַר,
נאָך פאַרצייטנס ווען אונדזער מוטער־ערד
איז נאָך אין אירע פייער־וויקעלעך געלעגן,
אין יענעם אור ווען דער באַגריף נידער
און הויך איז נאָך אין ביכער ניט פאַרשריבן געווען,
ווען אַלע וועגן פון דער וועלט האָבן זיך
אויף הויכן פאַרנומען און דער דיך

פון דער ערד איז געווען הייס ביז צום ברענען,
בין איך שוין געווען אין דער פאָרם
פון אַ קליין ניט אָנזעענדיג פינטעלע,
וואָס האָט זיך געטראָגן דורכן רוים
אין יענעם לויכטנדיגן נעפּל־בראַנד,
וואָס האָט זיך שפּעטער — זון און זין
פון לעבן מאַניפעסטירט ; —
מיך האָט אַ זוניקע האַנט צום לעבן געפירט.

אין אָנפאַנג בין איך געווען — אורזאַך
אָדער אפשר אַ קינד פון אורזאַך.

ווי אַ פאָלג בין איך אויף דער דאָזיגער ערד געקומען —
אָן מיין וויסן — און דאָס איז אפשר געווען
אָן אָוולע פון מיין באַשאַפער — וואָלט ער מיך געפרעגט
און אויב איך וואָלט געוואָוסט צו ענטפערן — מיט אַ ברירה —
נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן —
איז דען אויסוואַל געווען דער וועג פאַר אונז ביידן ?

אין אָנהויב בין איך געווען בלויז פיגור — לערע וועגט,
מיט מענטש־פיגור האָב איך מיך פון חיות אויסגעטיילט —
צוויי פיס, צוויי הענט —
אָבער קיין מענטש בין איך נאָך ניט געווען : —
מענטש איז פאַרמעג — כאַראַקטער, דאָס הויז
אין וועלכן עס שפּאַרט זיך אָפּ פאַרמעגן, —
בין איך נאָך קיין מענטש ניט געווען
און דאָס הויז איז ניט געווען מיין אייגן —

אויב איך האָב יאָ עפּעס פאַרמאָגט —
איז געווען נייגער...
און דאָ פיר איך מיך אַריין אין געשיכטע.

„און ס׳איז געווען וויסט און לער
און גאָטס געשטאַלט האָט געשוועבט איבער
דעם פּנים פון וואַסער״.

גאָר אין אָנפאַנג בין איך צו גאָר ניט געווען געבונדן,
ווייל כ׳בין צומאָל קיין אידייע נאָך ניט געווען,
און אָן אידייע, ווי קאָן מען געדאַנק צו געדאַנק איבערווינדן

שאַפן אין קאָפּ — — — —
און געדאַנק,
פאַרמעסט צום שאַפן,
און אין דער מוטער־טראַכט פון טראַכטן
ווערט געבוירן געדאַנק
און ווערט אָפּגענומען מיט דעם הילף פון הייבאַם־געפילן.

הייסט עס: —
ווען ס׳איז קיין זאָמען פון טראַכטן ניטאָ,
ווערט געדאַנק ניט געבוירן,
ווען ס׳איז קיין געדאַנק ניטאָ
וואו איז דער פאַרמעסט?

פאַרגעסט אויך ניט דעם קאָפּ,
די אינפערנאָ און דעם פּאַראַדיז פון טראַכטן
ווי עס איז —
אָן קאָפּ קאָן מען אין בעסטן פאַל צובאַמקען: —
האָב איך אָנגעהויבן
ווי אַלע זינגעוודיקע קינדער פון דער וועלט
האָבן אָנגעהויבן צוזינגען:

אָבער
ליכט זאָל מען שטענדיק רופן טאָג,
פינצטערניש זאָל אויף אָן אמת הייסן נאַכט —
דער אויסטייטש — טאָג און נאַכט
האָט זיך גלייך געשטעלט אונטער פאַרדאַכט

צו רופן יענעם זילבער־פלעק — לבנה,
און די שיינענדיקע פינטעלעך — שטערן,
איז מיר אויסגעקומען שוין אַביסל צו איבערלאַסטיק.
„זי איז אומעטיג געווען,
ער האָט איר טיף אין די אויגן אריינגעקוקט״ —
שוין אַביסל אַ צו פאַרעלטערטע פסיכע־פלאַסטיק.
אפשר,
וואָלט מעגלעך געווען
אַ גאַנץ נייע אידישע גייסטיגע גימנאַסטיק?

אַזוי האָב איך געטראַכט
און פאַרשריבן אין מיין זינען.

אָבער — — —
פון געדאַנק איבערצוגיין צו טאַט,
פון טאַט צום וואָרט
און פאַר דעם
דאָס נויטיגע נשמה־מלבוש צו געפינען?

איך בין ווי פאַר אַ ספינקס געשטאַנען,
אין שרעק דעם אָפּגרונט ניט צוטיפן,
אין מיין לער האָב איך געהערט אַ רופן:
זוך! — — —
פון דיר אַליין ווילסטו אַנטרינען?
זוכן הייסט געפונען — — —

דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זיין און בין ניט געווען

אין הויז פון מיין כאַראַקטער — כאַאָס.
דער צושטאַנד פון מיין גייסט — אומרו.
כ׳בין ניט געווען גענוג גאָט, גענוג הערשער
דעם בונט קעגן מיר איינצושטילן — — —

די שטיקלעך פון מיין כאַראַקטער
זיינען געלעגן צעוואָרפן
ווי די מאַטעריאַלן פאַר אַ הויז — גרייט צו בויען — — —

איך בין ניט געווען דער שטיין־האַקער, דער טעסלער,
דער סטאָליער, דער אַרכיטעקט, דער וויסנשאַפטלער, דער פילאָסאָף;
כ'בין ניט געווען דער וואולגאַרער — הו־האַ, —
פון דעם אָפּפירער און צופירער;
כ'בין ניט געווען דער נייגעריגער בליק
און דאָס אַפּאַטיש־ציניש אויג פון דעם פאַרבייגייער...
כ'בין ניט געווען דער צעמענט, די נויטיגע בלאָטע
און דער גלענצענדער מאַרמאָר,
כ'בין ניט געווען דער פונדאַמענט
אויף וועמעס יסודות אינהאַלטן בויען זיך.

כ'בין ניט געווען די רייכקייט
וועמעס קערפּער שטינקט אַדורך איר אויבנויפיגן פּוץ,
כ'בין ניט געווען די אָרימקייט, די העסלעכע וואונד
וואָס צעיאָטערט זיך איבער אַ גרויזעלשאַפטלעכן קערפּער ביז צו
אומברענגען,
כ'בין ניט געווען די הור וואָס טראָגט אַרום
איר אָפענעם טרעלבויך איבער דער וועלט
און פאַראומרייניגט די ערד,
כ'בין ניט געווען דאָס — אָ, מאַמע פּרוכטבאַרקייט! —
וואָס ליגט אויפגעדעקט ווי דאָס פעלד קעגן דער זון
און וואַרימט דעם מאַנס זאָמען אין איר אייער־נעסט;

כ'בין ניט געווען די שוועלן
וואָס ברענגען באַליידיקונגען, וואָס ברענגען כבוד,
כ'בין ניט געווען דאָס דערהויבענע פענצטער
דורך וועלכן מען קאָן רעדן צו גאָט,
כ'בין ניט געווען הויך ווי דער טאָג

צו דערגרייכן מיט דעם קאָפּ צו דער זון;
כ׳בין ניט געווען קליין ווי די נאַכט,
נאָר מיט די הענט, לבנה, שטערן צו דערלאַנגען,
כ׳בין ניט געווען די שפּראַך,
וואָס קען רעדן צו דער וועלט אַזוי אומפאַרשטענדלעך
אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין.

און אָן דעם מאַטעריאַל
ווי אַזוי קאָן איינער אויפבויען דאָס הויז פון זיין כאַראַקטער!

וואָס זאָל איך זיין,
און ווי אַזוי טוט מען זיך געשטאַלטן? —
געוואַלטן אינזיך האָבן ווי וואולקאַנען־אויסברוכן
אין מיר געשריגן,
און מיטגעריסן אַלץ וואָס איז אַטראַפּיש געלעגן;
מיין נייגער אין מיר
האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע וועגן,
כ׳בין געוואָרן בריק וואָס שטרעקט אויס די האַנט
צו אָפּגעטיילטע וועגן...